# וואס זאגט די היסטאריע איבער קאליפאטן?

די וועלט איז געווען היבש איבערראשט ווען די "אייסיס" טעראריסטן האבן פארכאפט גרויסע שטחים אין סיריע און אין איראק און האבן דערקלערט א קאליפאט. וואס מיינט דאס? ווי באזארגט דארף מען זיין איבער דעם? און וואס לערנט אונז די היסטאריע?

אמאל האט א מוסולמענער פירער געהאט דעם טיטול פון "קאליף" (ווי מ'זעט אין די אלטע מעשה ביכלעך), און זיין מלוכה איז געווען א קאליפאט. מיט דעם דערפאלג פון די "אייסיס" באנדע אין איראק-סיריע, וועט דאס זיין אן אינספיראציע פאר אנדערע דזשיהאדיסטישע גרופעס צו דערקלערן א קאליפאט אדער עמיראט אויף די שטחים וואו זיי זענען באלעבאס, אבער קוקענדיג אויף א לענגערן צייט אפשניט, איז אומפארמיידבאר אז דאס עקסטרעמיזם פון יענע סארט חברה ברענגט עווענטועל א קאנקורענץ וואס וועט אונטערגראבן די דזשיהאדיסטישע באוועגונג. ביז מ'קומט אן צו יענע צייט, וועט זיך אבער א סאך אפשפילן, א סאך בלוט וועט פארגאסן ווערן, וואס אזוי לערנט אונז די היסטאריע.

עס איז עטליכע וואכן צוריק אפירגעקומען אן אויפטרייסלענדער ווידיא פון אבובאקאר שעקאו, וועלכער פירט אן די באקאו האראם דזשיהאדיסטן באנדע אין ניגעריע. דאס איז די זעלבע באקאו האראם וואס האט אנהויב זומער פיגורירט אין די נייעס נאכ'ן פארכאפן הונדערטער מיידלעך אין געפענגעניש. באקאו האראם וויל נאכטאן דעם ביישפיל פון אייסיס, ווייל אין יוני איז געקומען דער סטעיטמענט פון אבו באקאא על-באגדאדי, דער שעף פון אייסיס, אין וואס ער האט דערקלערט אז ער האט נאכאמאל אויפגעשטעלט א קאליפאט אויף שטחים אין סיריע און איראק, און האט געגעבן א נאמען פאר זיין באנדע "איסלאמישע סטעיט" (מדינה).

על-באגדאדי האט זיכער געגעבן חיזוק פאר שעקאו, אז אויך ער זאל ווערן א קאליף, אבער באקאו האראם האט נישט געדארפט פארקריכן ביז סיריע צו לערנען זיך די "חכמת הקאליפיאט", ווייל זיי האבן זיך געקענט לערנען פון זייער אייגן לאנד, וואס ארום 200 יאר צוריק איז געגרינדעט געווארן די סאקאטא קאליפאט אין ניגעריע וואס האט עקזיסטירט כמעט 100 יאר ביז ענגלאנד האט איינגענומען דעם גאנצן ראיאן.

דער געדאנק פון א קאליפאט איז טייל פון די מוסולמענער רעליגיע, אבער לויט דעם קען זיין בלויז איין קאליפאט פאר די גאנצע מוסולמענער אלוועלטליכע געמיינדע, וואס זיי רופן "אומא". דורכאויס די היסטאריע האט מען אבער געזען מערערע גרופעס וואס האבן זיך דערקלערט אלס "די" קאליפאט, און עס איז שוין געווען קאנקורענץ צווישן אזעלכע קאליפאטן גייענדיג צוריק ביז נאענט צום אנהויב פון די מוסולמענער רעליגיע.

אויב מ'רעדט פון א קאליפאט וואס איז געווען טויזנט יאר צוריק, איז דאס אנדערש ווי אין די היינטיגע צייטן, אבער אז מ'האט דאן געהאט קאנקורירענדע קאליפאטן איז דאס געקומען נישט בלויז צוליב געאגראפישע חשבונות, נאר אויך ווייל די מוסולמענער האבן געהאט אנדערע פאליטישע אויסקוקן און אויך אנדערע אויסטייטשונגען פון זייער רעליגיע. מ'זעט דאך די בלוטיגע רציחות צווישן סוני און שיאיטן מוסולמענער, אין די היינטיגע "מאדערנע" צייטן, קען מען זיך פארשטעלן ווי אזוי עס האט אויסגעזען הונדערטער יאר צוריק, אדער אפילו טויזנט יאר צוריק.

א קאליפאט איז אבער געווען א דינאסטיע אימפעריע וואס האט זיך געהאלטן הונדערטער יארן, ביז אייראפע האט אריינדערגרייכט אין די מוסולמענער וועלט א 200 יאר צוריק. אזוי האט מען צוביסלעך ערזעצט די אלטמאדידשע קאליפאטן, עמיראטן און סולטאנען ווי הערשאפטן מיט לענדער. צו מאכן א ניי לאנד אויף א מאפע איז טאקע געווען א שווערע זאך ארויפצופרעסן אויף די מוסולמענער, אבער עס האט אויסגעהאלטן, כאטש מ'זעט ווי אין געוויסע מוסולמענער לענדער ווערט די צענטראלע רעגירונג שטארק אפגעשוואכט ווען מער מאכט ליגט ביי די פארשידענע רעליגיעזע סעקטעס.

רוב איסלאמיסטן אין די היינטיגע צייטן ארגאניזירן זיך אין די ראמען פון די מדינות וואס זענען אויף די וועלט מאפע, כאטש די גרופע פון על-באגדאדי וויל יא אפשאפן דעם "מאדערנעם" געדאנק פון מדינות, נאר וויל האבן א קאליפאט וואס זאל דערגרייכן איבער די גרעניצן פון מערערע לענדער, מ'זאל צוריקגיין צום אלטן סיסטעם, און אזא באנדע קען געווינען שטיצע ווייל די מער מאדערנע מוסולמענער לענדער האבן נישט געשאפן קיין דעמאקראטישן רעגירונג סיסטעם ביי וואס דאס פאלק זאל שפירן אז זיי האבן א דעה אין די רעגירונג, ממילא וואלטן זיי געשפירט מער טריישאפט צו דעם רעגירונג סיסטעם. דאס ווערט זייער פיפיג אויסגענוצט דורך די ראדיקאלע איסלאמיסטן, וואס ערמעגליכט זיי אריינצוכאפן די אנטוישטע, ארעמע יוגענט וועלכע פארשטייען נישט קיין פאליטיק און אפילו נישט איסלאם.

פאר אייסיס האט אויך צוגעשפילט דער גרעאנגעל צווישן די שיאיטן און די סוניס אינעם מיטל מזרח, האט עס איבערגעלאזט אן עפענונג פאר זיי, צו פרעדיגן א מער טראדיציאנאלן סארט אויסדרוק פון זייער רעליגיע, כאטש דאס פארפיינט זיי אין די אלגעמיינע מוסולמענער וועלט.

מיר האבן דערמאנט אז עס איז דא קאנקורענץ, האבן מיר דאס געזען אויך ביי די מוסולמענער טעראריסטן, וואס אלס ביישפיל דארפן מיר בלויז אנווייזן אז על-קאידא האט ארויסגעווארפן פון זיך די אייסיס פירער, פארדאמענדיג די גרופע פאר זייער אפנויגן פון "עכטן" איסלאמיסטן עקסטרעמיזם וואס על-קאידא האלט אז זיי דארף דאס אנפירן אין די וועלט!

עס זענען פאראן א גאנצע גרופע ראדיקאלע איסלאמיסטן וואס זענען נישט מיט על-קאידא, וואס אויך זיי נעמען נישט אן דעם אייסיס קאליפאט חלום, און מ'קען זיכער זיין אז עווענטועל וועלן יענע עקסטרעמיסטן וועלן שאפן זייערע אייגענע קאליפאטן אין די זעלבע שטחים וואו אייסיס רעגירט איצט.

נאך א וויכטיגער געדאנק איז אויפגעברענגט געווארן, אז דער טיטול וואס מ'נוצט פאר'ן פירער, פאר'ן קאליף, שטאמט פונעם טיטול וואס מ'האט געגעבן פאר'ן צווייטן קאליף פון איסלאם, וועלכער איז געווען ביי דער מאכט 1,400 יאר צוריק. אין די היינטיגע צייטן זענען געווען זעלטענע פאלן אז מ'האט גענוצט דעם טיטול, וו.צ.ב.ש. די קאנסטיטוציע פון מאראקא באשטימט דעם טיטול אויפ'ן קעניג פונעם לאנד, אבער דער קעניג האלט זיך אלס פירער בלויז פון די מוסולמענער מאיאריטעט אין זיין לאנד. אין אפגאניסטאן, האט דער טאליבאן גרינדער מולא מוכאמעד אמאר אויך גענומען דעם טיטול פאר זיך א 20 יאר צוריק ווען ער האט געהערשט אויף רוב לאנד, אבער אויך דאן האט עס בלויז געמיינט אז ער איז פירער פון די מוסולמענער אין אפגאניסטאן.

על-באגדאדי האט זיך אבער דערקלערט אלס קאליף פירער פון די מוסולמענער איבער די גאנצע וועלט, וואס מיט דעם שטעלט ער זיך ארויס קעגן די מאכט פון אלע עמיראטן אין די וועלט, און ווי פארשטענדליך, זענען זיי נישט גרייט מקבל מרות צו זיין פון אים, זיי וועלן זיך נישט אונטערווארפן אונטער אים, ווייל יעדער מוסולמענער פירער וויל אליין "גרויס זיין". אויב אזוי, האט על-באגדאדי אויטאמאטיש געשאפן פאר זיך א ווידערשטאנד אפילו אין די עקסטרעמיע מוסולמענער וועלט, ווען ער האט נישט באגריפן אז ער האט איבערגעצויגן דאס שטריקל. אויב וואלט ער זיך בלויז געהאלטן ביי זיינע אנטי-מערב רציחות, וואלטן די אנדערע רוצחים דאס נאך געקענט אראפשלונגען. ווען ער וויל אבער געוועלטיגן איבער זיי אלע, איז דאס שוין אן אנדערע געשיכטע.

אויב מ'קוקט איבער'ן לענגערן טערמין, זאגן אנאליסטן אז די קאנקורענץ אין די מוסולמענער וועלט וועט אויך אויסלערנען דאס אלגעמיינע פאלק אביסל מער איבער פאליטיק און רעגירונג, וועט דאס עווענטועל שאפן א געפיל ביי מוסולמענער אז מ'קען זיין אן אנהענגער פון זייער רעליגיע אפילו אויב מ'פארנעמט זיך נישט מיט רציחות און עקסטרעמיזם וואס ברענגט מער ווייטאג אפילו פאר'ן מוסולמענער פאלק, און די שוועריקייטן פון רעגירן אויף א קאליפאט פארמאט וועט עווענטועל צווינגען א סאך ראדיקאלן איסלאמיסטן צו ווערן מער פראגמאטיש וואס מיינט אויך ווערן מער מעסיג. דאס קען אבער דויערן זייער לאנג, וואס מיינט אז דאס פעלד איז נאך רייף אין די מוסולמענער וועלט פאר עקסטרעמיזם מיט געוואלדטאטן, און אפילו אויב די מוסולמענער זעלבסט וועלן דאס מערסטע ליידן פון די סארט געוואלדטאטן, איז דאס איבער א קאנפעטרייסט, ווייל עס איז אומפארמיידבאר אז אויך די איבריגע וועלט זאל דערפון ליידן.


